# דברי חיזוק והתעוררות

## לאור המצב ומאורעות הזמן

## שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ביום ג' פרשת ויקרא תש"פ לפ"ק – ע"י הטעלעפאן

**יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען**

**לכבוד כל בני קהלתנו, אנשי שלומינו, מתפללי בית מדרשינו, ה' עליהם יחיו.**

**איך** וויל קודם באגריסן מיט א גוטע וואך. עס איז נישט אויסגעקומען מען זאל זיך קענען באגריסן אזוי ווי יעדן מוצאי שבת. מען שטייט פאר דעם קומענדיגן חודש, ערב חודש ניסן, דער אייבערשטער זאל העלפען אי"ה, עס זאל זיין א פרייליכער און א ליסטיגער חודש. מען האט דאך געבענטשט יעצט דעם חודש, יחדשהו הקב"ה עלינו ועל כל ישראל, דער אייבערשטער זאל מחדש זיין דעם חודש, לששון ולשמחה, לישועה ולנחמה, לרפואה שלימה. עס איז דאך מיסמך גאולה לגאולה, די צוויי חדשים, חודש אדר און ניסן, זענען מסוגל פאר יודען, איז מען מסמיךביידע צוזאמען. עס איז ישועות בו מקיפות, דער חודש איז א חודש פון ישועות. זאל דער אייבערשטער העלפן אי"ה פאר אלע יודישע קינדער, עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז 'מקיפות' איז פון לשון הקפה, מען נעמט אויף בארג, אפילו מען איז נישט ראוי. אזוי ווי ביי יציאת מצרים זענען מיר נישט געווען ראוי, און דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים אויף בארג, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (שמות ג-יב). אפילו מיר זענען נאר מקבל יעצט צו גיין אינעם ריכטיגן וועג, וועט דער אייבערשטער אונז העלפן, און ער וועט אונז אויסבארגן א ישועה אינעם חודש.

*

## בשעה שהחכם יוש"ב ודורש

**איך** האב געהערט א מילתא דבדיחותא, מען געפינט אין מדרש (משלי י') בשעה שהחכם יושב ודורש, ווען א חכם זיצט און דרשנ'ט, און מען הערט צו, הקב"ה מוחל עונותיהם של ישראל, איז דער אייבערשטער מוחל די עונות. געוועגליך ווען א ציבור קומט זיך צוזאם צו א דרשה, איז דא די גאנצע כח פונעם ציבור אינאיינעם, וואס מען זיצט צוזאמען, און מען הערט אויס. עס איז דא א כח הרבים, עס איז דא א השראת השכינה אויף דעם פלאץ וואו מען קומט זיך צוזאם. דער חכם איז נישט קיין יושב, ער איז א עומד, ער שטייט און דרשנ'ט. די פאלק איז נישט נאר שומעין אליין, נאר עס איז והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ), מען זעהט און מען הערט, איז אוודאי אז עס האט א געוואלדיגע כח, אז הקב"ה איז מוחל עונותיהן של ישראל. עס איז אבער דא אמאל א מצב, וואס דער חכם איז יושב, ער זיצט ביי זיך אין שטוב, און מען זעהט נישט, מען הערט נאר, און פון דעסטוועגן דאך, ווען יודען, ישראל קדושים, קומען זיך צוזאם צו הערן, האט עס אין זיך א כח, אז מוחלין עונותיהן של ישראל, דאס אליין, פאר זיך אליין, איז שוין מעורר זכות מדת הרחמים אויף יודען.

*

## לישועתך קוינו כל היום ומצפים לישועה

**עס** קומט אויס זייער שווער צו רעדן, איך האב מיך קוים צוזאמגעקליבן איך זאל קענען זאגן די פאר ווערטער וואס מען דארף זאגן. מיין הארץ איז צובראכן אויף שברי שברים, די זעלבע איז גאנץ כלל ישראל. ישראל זענען מיצר בצרתן של ישראל, יודען זענען צובראכן אין די צרה וואס איז אנגעקומען אויפן כלל ישראל, און אויף די גאנצע וועלט. עס האט אויסגעקלאפט אויף יעדן איינעם. עס איז נישט דא קיין שטוב, וואס איז נישט געריררט געווארן פון די מצב וואס איז דא. עס איז ל"ע דא וואס עס האט שולט געווען בגופם, זיי זאלן האבן א רפואה שלימה. עס איז דא אזעלכע וואס עס האט צוגעבערענגט אז דער מצב הפרנסה איז אינגאנצען געטוישט געווארן, זייט די לעצטערע טעג. די מצב פון יעדן שטוב מיט די קינדער צוזאמען, האט געטוישט דעם גאנצן אטמאספער פונעם שטוב, עס איז א צרה פארן גאנצן כלל ישראל.

**אונזער** איינציגע האפענונג איז שטענדיג, מיר זענען מצפים לישועה. אונז האף מיר, אונז גלייב מיר אז אלעס איז מיט א השגחה פרטית פונעם אייבערשטען, און דער אייבערשטער וועט אונז בקרוב ארויסנעמען דערפון. עס איז נאר געברענגט געווארן אונז מעורר צו זיין, און די מצב וועט שנעל אדורכגיין, און אונז דארף מיר שטענדיג האפן פאר די ישועה. יעדן טאג ביים דאווענען זאגט מען, כי לישועתך קוינו כל היום, מיר האפן אויף די ישועה פונעם אייבערשטען, ומצפים לישועה. **עס איז איינע פון די שאלות וואס מען פרעגט עקסטער לעולם הבא, ווען מען גיט אפ דין וחשבון, 'צפית לישועה', א מענטש דארף שטענדיג האפן אויף די גוטע זייט, דער אייבערשטער וועט העלפן, עס וועט נישט זיין אייביג טונקל, אזוי ווי עס קוקט אויס אויף דער מינוט.**

*

## אין חכמה ועצה לנגד ה'

**עס איז א געוואלדיגע מוסר השכל, ווי אזוי א וועלט קען זיך טוישן. אין טעג און שעות זאל איבערגעדרייט ווערן א גאנצע וועלט, זעהט מען דאך דעם יד ה' וואס ליגט דערין. אין חכמה ואין עצה ואין תבונה לנגד ה', עס איז נישט דא קיין חכמה קיין עצה קיין תבונה, די גרויסע פארשריט היינט פון מענטשן, וואס מען רעדט זיך אסאך מאל איין, אז כחי ועוצם ידי עשו לי את החיל הזה, מען איז א שטארקע מדינה, מען איז א שטארקע מאכט, און צום סוף קען קומען א קלייניגקייט, און עס קען איבערדרייען, און מען שטייט מאכטלאז אקעגן דעם יד ה'.**

**עס** קומט אויפן געדאנק וואס די גמרא (גיטין נו:) זאגט ביי טיטוס הרשע, וואס ער האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און חירף וגידף כלפי מעלה. און ווען ער איז אהיים געגאנגען, האט א נחשול שבים געוואלט איינזינקען דעם שיף, האט ער געזאגט, כמדומה אני שאלקיהם של אלו אין גבורתו אלא במים, וואו דער אייבערשטער האט זיך אפגערעכנט, איז עס געווען מיט וואסער. יעלה ליבשה ויעשה עמי מלחמה, האט טיטוס הרשע געזאגט, לאמיר זעהן אויף די יבשה זאל ער ארויפקומען און פירן מיט מיר א מלחמה. יצתה בת קול ואמרה לו, רשע בן רשע, בן בנו של עשו הרשע, בריה קלה יש לי בעולמי, ויתוש שמה, איך האב איין קליינע בריה, א ווערימל, עלה ליבשה ותעשה עמה מלחמה, פיר מלחמה מיט מיין קליינע בריה וואס איך האב אויף די וועלט, מיט א יתוש. ער איז ארויפגעקומען אויף די יבשה, און א יתוש איז אים אריינגעגאנגען אין די נאז, און עס האט אים געלעכערט אין מח זיבן יאר. א קליין ווערימל, א יתוש, האט דער אייבערשטער געזאגט, איך האב א בריה קלה וואס קען חרוב מאכן, און דו קענסט נישט פירן מיט איר א מלחמה.

**דער** באשעפער האט אונז געשטראפט מיט א מכה, נישט נאר פון א יתוש, נאר אסאך קלענער פון א יתוש, ניטאמאל זעהט מען עס מיט די אויג, און עס קען אנמאכן א חורבן אין די גאנצע וועלט. עס ווייזט ארויס דעם יד ה', אז מיר זענען אונטערגעווארפן אונטער דעם האנט פונעם אייבערשטען. אין מדרש (ויק"ר יד-א) שטייט, זכה, ווען א מענטש איז זוכה, זאגט מען אים, אתה קדמת למעשה בראשית. לא זכה, אויב מען איז נישט זוכה, זאגט מען אים, יתוש קדמך, די יתוש איז באשאפן געווארן פאר דיר, די יתוש איז באשאפן געווארן אנהייב פון די בריאה, און דער מענטש איז באשאפן געווארן צום סוף פון די בריאה. ווען א מענטש איז זוכה, זאגט מען אים, אז א אדם איז די חשוב'סטע זאך וואס איז דא אין די בריאה. אז מען איז נישט זוכה, זאגט דער אייבערשטער, א קליין ווערימל וואס איך האב באשאפן, קען צוגרינד לייגן די גאנצע מענטש, מיט די גאנצע מענטשהייט וואס איז דא אויף דער וועלט. דער יתוש האט מער כח פון דיר.

*

## נתבטל כח התורה – הקול קול יעקב

**עס** איז נאך אזאנס נישט געווען, מען קען זאגן, מן הסתם זייט בריאת העולם, אז עס זאל זיך אנכאפן א מחלה מתפשטת, וואס עס זאל גיין אין אלע מדינות אזוי שנעל. עס איז נישט געווען במציאות אמאל. אפילו עס איז געווען אין א גרויסע מדינה, אבער עס איז נישט געווען קיין שיירות מצוות, מען איז נישט געגאנגען פון איין פלאץ אויפן צווייטן, עס האט זייער לאנג גענומען ביז עס איז אנגעקומען צו א צווייטן מקום. און ווען עס איז אנגעקומען צום צווייטן מקום, איז שוין די ערשטע מקום געהיילט געווארן. היינט, די טעכניק פון די וועלט, עס איז שיירות מצוות, אין די גאנצע וועלט האט זיך צושפרייט די מחלה, עס איז א צרה אויפן גאנצע כלל ישראל בכל מקום שהם, ווי זיי זענען. דאס איז איין חלק פון די צרה.

**אבער** עס האט מיטגעברענגט מיט זיך, אז עס איז פארשפארט געווארן אלע כוללים, אלע ישיבות, אלע תלמוד תורה'ס, אלע מקוואות, אלע בתי מדרשים, עס איז אזא צרה וואס די וועלט האט נאך נישט געהאט קיינמאל, אז אין איין צייט זאל זיין צוגעשפארט אלע מקומות של קדושה אין דער וועלט. עס זאל נישט זיין קיין פלאץ וואו עס זאל זיך צוזאמקומען די קול קול יעקב, אז מען זאל קענען האבן דעם כח התורה, אז מען זאל קענען זיצן און לערנען, וואס תורה איז מגני ומצלי. עס זאל נישט זיין קיין פלאץ א כח פון תפלת הרבים, פון א ציבור יודען וואס קומען זיך צוזאם צו דאווענען, אלעס פעלט אונז. מען האט אונז צוגענומען די געווער אויך, וואס מיר זאלן קענען מלחמה האלטן אקעגן די גזירה.

**וואס** דאס אז מען האט אוועקגענומען דעם קול קול יעקב, איז נאך אסאך שווערער. אמאליגע צייטן איז מען זיך צוזאמגעקומען אין אזא זמן, מען איז אריין אין בית המדרש, מען האט מעורר רחמים געווען יעדער פאר זיך מיט אמירת תהלים. עס איז געווען לך כנוס את כל היהודים, מען האט צוזאמגענומען אלע יודען צוזאמען, און אזוי האט מען מעורר רחמים געווען אויבן אין הימל. עס איז צוגענומען געווארן פון אונז, מען זיצט איינגעשפארט אין די שטובער. ביי יעדן איינעם האט עס אנגערירט אין זיין דאווענען, אין זיין לערנען, אין זיין עבודת ה׳. יודישע שמחות זענען פארשטערט געווארן אין די הונדערטערס, חתן וכלה וואס האבן גדארפט אויפשטעלן זייער לעבן מיט שמחה. און עס איז צוגענומען געווארן פון אונז, עס פעלט אונז, די כח התורה וואס זאל מגין זיין.

**עס** שטייט אין דרשות חתם סופר (פורים רה:), אז פורים האט מען מתקן געווען צוויי ערליי זמנים, י״ד און ט״ו. פרזים זענען י״ד, און מוקפין חומה אין ט״ו, זמנו של זה לא כזמנו של זה (מגילה ב.), מען קען נישט מקיים זיין די מצוות דעם אנדערן טאג, נאר יעדער אין זיין טאג. זאגט דער הייליגער חתם סופר, ווייל אזוי ווי פורים איז א טאג וואס יודען זענען פארנומען מיט מצוות, עס איז נישט דא קיין געלעגנהייט אז מען זאל קענען עוסק זיין בדברי תורה, און די חכמים האט נישט געוואלט אז עס זאל זיין אין דער וועלט א זמן, א טאג, וואס עס איז נישט דא קיין לימוד התורה. האט מען אפגעטיילט די צוויי טעג פון פורים, אז ווען די זענען מקיים שמחת פורים, און מען איז מקיים עד דלא ידע, זאל זיין א צווייטע פלאץ וואו מען זאל קענען לערנען, און איין מקום זאל מגין זיין אויפן צווייטן מקום. דאס איז טייטש, אז אלץ האט אויסגעפעלט אז עס זאל זיין א מקום תורה אויף די וועלט, מען זאל לערנען תורה ברבים, תינוקות של בית רבן וואס אויף זייער הבל פיהם שטייט די וועלט, האט מען איינגעטיילט אז אייביג זאל בלייבן כאטש א פלאץ וואו עס זאל זיין תורה. און דאס איז אפילו איז אזא זמן, וואס די אנדערע העלפט פון יודען זענען מקיים מצות היום, עס איז דאך די מצוה פון פורים, האט מען פון דעסטוועגן דאך נישט געוואלט, עס זאל זיין אפגעשטעלט תורה.

**היינט** איז אפגעשטעלט געווארן תורה אין די גאנצע וועלט, עס איז א געוואלדיגע עת צרה פאר׳ן כלל ישראל, וואס אויף דעם אליין דארף מען מעורר זיין רחמים. עס איז ח״ו דומה צוצושטעלן אזוי ווי די גמרא (תענית ב.) זאגט, גשמים בחג, ווען עס קומט יום טוב סוכות, ווען מען דארף זיצן אין די סוכה, און עס קומען גשמים, וואס מען דארף ארויסגיין פון די סוכה. משלו משל, מען האט געגעבן א משל, למה הדבר דומה, צו וואס איז עס גלייך, לעבד שבא למזוג כוס לרבו, צו א עבד וואס וויל באדינען דעם רבי׳ן, ער וויל אנגיסן א כוס פאר זיין הער, ושפך לו קיתון על פניו, און דער אדון טוט אויסגיסן די וואסער וואס ער האט געברענגט, קעגן אים, אי אפשי בשימושך, איך דארף נישט זאלסט מיך באדינען (סוכה כח:). חז״ל האבן אנגענומען, אז ווען א יוד וויל טון א מצוה פארן אייבערשטען, און עס ווערט צוריק געווארפן די מצוה, אז מען קען עס נישט מקיים זיין, איז עס ח״ו א ענין פון שפך לו קיתון על פניו, דער אייבערשטער ווארפט צוריק די מצוות וואס מען טוט. און דאס איז ביי א מצוה פון סוכה, וואס אפילו ווען מען גייט ארויס פון די סוכה ווען עס רעגנט, האט מען נישט מבטל געווען קיין מצוה, ווייל די מצוה איז תשבו כעין תדורו (שם), מען איז נישט מחויב צו זיצן דעמאלטס, און פון דעסט וועגן דאך, דאס וואס מען האט אונז גע׳פטר׳ט פון א מצוה וואס מיר ווילן מקיים זיין, מען איז פטור פון מקיים זיין די מצוה פון סוכה ווען עס קומט א רעגן, רופט מען עס אן, אז עס איז שפך לו קיתון על פניו. און אזא צייט וואס מיר זענען מחויב במצות, איז אודאי אזוי ווי שפך לו קיתון על פניו.

**עס איז געקומען א זמן, וואס כאילו דער אייבערשטער וויזט אונז, איך בין נישט צופרידן פון דיין לערנען, איך בין נישט צופרידן פון דיין דאווענען, איך בין נישט צופרידן פון דיין תלמוד תורה, איך בין נישט צופרידן פון דיין ישיבה, איך בין נישט צופרידן פון די תינוקות של בית רבן, אלעס איז צוגענומען געווארן פון אונז. וויפיל מוסר השכל ליגט דערין, וואס מען דארף זיך מעורר זיין, זיך נעמען צום הארץ, און זעהן וואס מען קען טון אוועקצונעמען דעם חרון אף פונעם אייבערשטען.**

*

## התבוננות על מה עשה ה׳ ככה

**מיר** ווייסן נישט קיין סיבות פארוואס דער אייבערשטער האט דאס צוגעברענגט, מיר קענען נישט וויסן, עס איז נישט דא היינט דער אור וואס איז געווען אמאל, וואס האט געקענט מגלה זיין פארוואס די זאכן ווערן צוגעברענגט. אבער דאס איז זיכער, אז עפעס א התעוררות וויזט מען פון הימל, אויף כלליות וואס כלל ישראל דארף האבן א תיקון. **עס איז א סימן אז אונזערע ישיבות דארפן א תיקון, אונזערע תלמוד תורה׳ס דארפן א תיקון, אונזערע שולן דארפן א תיקון. עס איז נישט זאכן וואס איז געגעבן געווארן פאר א יחיד, איך רעד יעצט פון א זאך וואס איז בכלליות, מען דארף מטכס עצה זיין, דער אייבערשטער וועט העלפן, עס וועט ווערן א רואיגער זמן, מען זאל נישט פארגעסן, נאר טראכטן, אפשר איז דא עפעס א פראבלעם אין די ישיבות, וואס תלמידים ווערן נדחה פון ישיבות, וואס מען קען נישט אריינקומען, וואס די גורם דערפון איז נישט יעצט די צייט דאס אויסצושמוסן. עס זענען דא אסאך ישיבות וואס זענען געשטעלט געווארן אויף צו הייבן תורה, אבער עס האט געמאכט**

**א חורבן אינעם עולם התורה, און דאס טוט צוריק האלטן אז מען קען נישט אריין נעמען קיין תלמידים אין ישיבה. אויך די תלמוד תורה, וואס מען פארשפארט אסאך מאל די טיר פאר קינדער זאלן קענען אויסוואקסן וואס זיי דארפן אויסצוואוקסן.**

**די בתי מדרשים דארפן א תיקון. מען איז נישט צופרידן מן הסתם ווי אזוי אונזער דאווענען זעהט אויס. עס פעלט די השתפכות הלב וואס עס דארף צו זיין ביים דאווענען. דאס דאווענען מתחלתו ועד סופו, קומען באצייטנס, און זיין ביזן ענדיגן דאס דאווענען, נישט זיין פון די וואס זענען מאחרים לבוא וממהרים לצאת. זאגן קרבנות פון פאר דעם, און קטורת צום סוף. דאס וואס מען שמועסט אין די שולן, מען דרייט זיך אין די שולן מיט אזעלכע כלים וואס עס דארף נישט צו זיין.** די אלע זאכן דארפן האבן א תיקון. עס איז נישט א זאך אויף יעצט, אבער מען האפט דאך אז יעבור זעם, נישט פארגעסן מטכס עצה צו זיין, וואס מיר קענען טון צו די זאכן וואס איז נוגע בכלליות. דאס איז בכלליות וואס איז נוגע פאר די וועלט.

*

## מדרכי התשובה לזעוק ולהריע בעת צרה

**אבער** פאר זיך אליין, יעדער ביי זיך אין שטוב. עס איז כדאי נאכצוזאגן דעם לשון פונעם רמב"ם (הלכות תעניות א-א), וואס דער רמב"ם זאגט, אז עס איז א מצות עשה מן התורה, עס איז א דאורייתא'דיגע מצוה, לזעוק ולהריע בחצוצרות על כל צרה שתבוא על הציבור, א יעדע צרה וואס קומט אויפן ציבור, איז דא א מצוה אז מען זאל שרייען, און מען זאל בלאזן שופר, אזוי שטייט אין פסוק (במדבר י-ט) על הצר הצורר אתכם והרעותם בחצוצרות. יעדע זאך וואס איז מיצר דעם מענטש, און ער רעכנט אויס פארשידענע זאכן, דארף מען אויף דעם אלעם מתריע זיין, און שרייען צום אייבערשטען.

**און** דער רמב"ם איז מסביר, אז דאס איז א חלק פון די דרכי התשובה, אז ווען עס קומט אן א צרה, און מען שרייט דערויף, יודען זענען מתפלל, מען איז קובע א יום תפלה, און מען זאגט תהלים, און מען בעט פונעם אייבערשטען, און מען שרייט אז דער באשעפער זאל אוועקנעמען די גזירה, דאס ווייזט, אז אונז פארשטייי מיר, אז וועגן אונזערע מעשים איז דאס געקומען, עונותיכם הטו אלה (ירמיה ה-כה), אונזערע עוונות האבן דאס צוגעברענגט. ווייל ווען א יוד גלייבט, אז עס איז נישט דא א זאך וואס איז א מקרה, עס האט פאסירט אויף דער וועלט, א עפידעמיע וואס גייט ארום, נאר אלעס קומט פון אויבן, ווייסט ער, אז די אדרעס אוועקצונעמען די צרה, איז צו שרייען צום אייבערשטען. איז וועגן דעם, ווען מען קומט זיך צוזאם, און מען שרייט צום אייבערשטען, איז דאס גורם אז דער אייבערשטער זאל אוועק נעמען די צרה.

**זאגט** דער רמב"ם ווייטער, אויב מען בעט נישט פונעם אייבערשטען, מען שרייט נישט, מען זאגט אז מנהג העולם אירע לנו, עס איז דא א עפידעמיע וואס גייט ארום אויף דער וועלט, און יעצט האט עס אונז אנגעטראפן, די צרה איז געקומען במקרה. איז דער לשון פונעם רמב"ם, הרי זו דרך אכזריות, ער איז א אכזר אויף זיך און אויף די וועלט, און ער איז גורם מיט דעם, אז ער זאל בלייבן מיט די שלעכטע מעשים, און די צרה וועט ברענגען נאך צרות, עס וועט זיך נישט אפשטעלן ביי דעם. און אויף דעם זאגט דער פסוק (ויקרא כו-כז), והלכתם עמי בקרי, והלכתי עמכם בחמת קרי. אויב איך וועל ברענגען אויף ענק א צרה, כדי עטס זאלן תשובה טוהן, און עטס וועטס זאגן, אז דאס איז א קרי, עס איז געקומען בדרך מקרה, אוסיף לכם חמת אותה קרי, וועל איך ענק נאך צוגעבן דערצו. - מיר דארפן וויסן, אז עס איז נישט דא קיין זאך וואס איז א מקרה, עס האט אזוי פאסירט, עס איז אלעס מיט א חשבון פון אויבן, און אז דאס האט אנגערירט יעדן איינעם, מיינט עס אז יעדער איינער האט א חלק וואס מען דארף מתקן זיין ביי זיך.

**און** אזוי זאגן מיר אין די הייליגע טעג, **ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה, אוועקצונעמען די גזירה איז דא דריי זאכן. תשובה, זיך אומקוקן אויף די מעשים, און זעהן צו פארבעסערן. נאכדעם איז דא תפלה, מרבה זיין בתפלה, זאגן אסאך תהלים, און בעטן פונעם אייבערשטען, מער מכוין זיין בשעת מען דאווענט. און צדקה, מרבה זיין אין נתינת צדקה, דאס איז מעבירין את רוע הגזירה, דאס נעמט אוועק די גזירה.**

*

## אם רוא"ה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות ה.), אם רואה אדם שיסורין באין עליו, ווען א מענטש זעהט, אז עס קומען אויף אים יסורים, יפשפש במעשיו, זאל ער זיך אומקוקן אויף זיינע מעשים. פשפש ולא מצא, אויב ער זוכט און ער טרעפט נישט, יתלה בביטול תורה, זאל ער תולה זיין אז מן הסתם האט ער א עון פון ביטול תורה. די לשון פון די גמרא איז, ער 'זעהט' יסורים קומען אויף אים. בדרך כלל זעהט מען נישט יסורים קומען, מען שפירט די יסורים. מען הייבט זיך אן נישט גוט צו שפירן, איז מען מרגיש יסורים. אבער חז"ל זאגן אונז, אפילו ווען דו האסט נאך נישט קיין יסורים, עס האט דיך נאך נישט צוגעריירט, אבער דו זעהסט אז יסורים גייען דא אנקומען. ראובן פלאגט זיך דערמיט, שמעון פלאגט זיך דערמיט, לוי פלאגט זיך דערמיט, יעדער אויף א אנדערען אופן, עס קען צו דיר אויך אנקומען. 'רואה', ער זעהט ווי אזוי די יסורים זענען באים עליו, יפשפש במעשיו, ווארט נישט ביז עס טרעפט דיך אן, ווארט נישט ביז מען האט שוין נישט קיין געלעגנהייט, און מען דארף זיך צוריק קערן צום

אייבערשטען. נאר הייב אהן יעצט מפשפש זיין במעשים, קוק דיך אום, וואס איז דא זאכן וואס איך דארף מתקן זיין.

**אמאל** איז געווען פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה, מיר זענען היינט אין אזא שוואך דור, עס איז נישט דא קיין פשפש ולא מצא, יעדער איינער ביי זיך ווייסט וואס ער דארף מתקן צו זיין. די וועלט זאגט נאך אויפן הייליגען מהר"ם שיק, אז ווען ער איז נישט געווען געזונט סוף ימיו, איז דער ייטב לב אים געקומען באזוכן. זיי זענען געווען שכנים, סיגוט איז נעבן חוסט. האט דער מהר"ם שיק געזאגט, 'חז"ל זאגן, פשפש ולא מצא, יתלה בביטול תורה, איך שפיר נישט אז איך זאל האבן דעם עון פון ביטול תורה'. אזוי האבן געקענט אמאל גדולי ישראל זאגן, אז זיי שפירן נישט אז זיי האבן א עון פון ביטול תורה, ער האט נישט פארברענגט א רגע פון זיין לעבן אן תורה. און ווען דער ייטב לב איז אוועקגעגאנגען פונעם מהר"ם שיק, איז ער געווען זייער צוטראגן. האט דער ייטב לב געזאגט, דער חידוש איז נישט וואס ער האט געזאגט ער האט נישט קיין עון פון ביטול תורה. דער חידוש איז, אז ער האלט שוין ביי פשפש ולא מצא, ער האט שוין געזוכט און ער האט נישט געטראפן, און עס איז נאר געבליבן וואס ער קען עס אנהענגען אין ביטול תורה, און ער האט געזאגט אז ער שפירט נישט ביי זיך אפילו דעם עון פון ביטול תורה.

**דער** אמת איז, ישראל קדושים הן (חולין ז:), יודען זענען הייליג. דער ציבור צו וועם מען רעדט יעצט אויפן טעלעפאן, זענען יראים ושלמים, אמת'דיגע ערליכע וואוילע יודען. די נסיונות פונעם היינטיגן דור, איז דאך אויסערגעווענליך גרויס, און א יוד האלט זיך נאך צו די דרכי התורה, און ער שלאגט זיך מיט אלע נסיונות וואס נעמט אים ארום, ער קומט יעדן טאג דאווענען, ער קומט יעדן טאג לערנען זיין שיעור, ער איז מחנך ערליכע יודישע קינדער, ער גיט אויס געלט פאר תלמוד תורה, פאר אויפהאלטן יודישקייט, פאר צדקה לעניים, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, עס איז נישט דא נאך אזא שיין פאלק ווי דער כלל ישראל, מיר שטייען העכער פון יעדן איינעם, מיר האבן זיך גארנישט צו שעמען אינעם היינטיגן דור, מיט אונזערע מעשים ווי אזוי אונז פירן זיך.

## חובת השעה בתיקון המעשים

**אבער** אז דער אייבערשטער האט דאס אנגעשיקט, איז א סימן אז ער פארלאנגט פון אונז מער, עטץ קענטס טון מער. עטץ טוטס נישט די מאקסימום וואס מען דארף. פון אזעלכע חשובע און טייערע יודען, בעהט דער אייבערשטער, אז מען זאל זיך נאך מער אנשטרענגען, און זיך נאכמער צושטעלן צו וואס מען קען זיך צושטעלן.

**יתלה בביטול תורה. אמת מען איז קובע עתים לתורה, מען לערנט טאקע, אבער אסאך מאל איז מען זיך מסתפק נאר מיט די קביעות עתים. ער האט אפגעלערנט זיין שיעור, האט ער שוין יוצא געווען זיין חוב, און נאכדעם האט ער שוין פרייע צייט צו שמועסן, און צו פארברענגען וכדומה. מען דארף אויסנוצן יעדע צייט וואס מען האט אויף לימוד התורה. - דאווענען. מען קומט טאקע דאווענען, מען איז יעדן טאג אין בית המדרש, מען פארפעלט נישט קיין תפלה בציבור, אבער דאס דאווענען דארף זיין מיט א כוונה, אזוי ווי מען שטייט לפני המלך, אזוי ווי מען רעדט צום קעניג. תפלה איז א חלק פון מעבירין את רוע הגזרה, מיר זענען נישט גענוג מחשיב אונזערע תפלות, אז אונזערע תפלות טוען עפעס אויף. א תפלה פון יעדע יוד איז בוקע רקיעים, יעדע תפלה וואס א יוד זאגט ארויס פארן אייבערשטען, הערט דער אייבערשטער צו, כי אתה שומע תפלת כל פה. יעדע תפלה וואס ער זאגט נאכאמאל און נאכאמאל, און ער בעהט אויפן כלל ישראל, און ער בעהט אויף זיך, און ער בעהט פאר זיינע קינדער און אזוי ווייטער. יעדער דיבור פון תפלה האט א געוואלדיגען כח וואס ווערט אנגענומען אויבן, מען דארף מרבה זיין בתפילה.**

**מען** דארף זיך אומקוקן וואס קען איך מתקן זיין ביי מיר אין שטוב. נישט מתקן זיין די וועלט, נישט קוקן יענעמס חטאים, וואס יענער טוט נישט, וואס יענער פירט זיך אנדערש. נאר ביי דיר אליין, וואס קען איך בעסער מאכן. נעם זיך פינף מינוט - מען דארף נישט מער - אויף פשפוש המעשים, וועט ער טרעפן גענוג וואס ער דארף א תיקון. ווי אזוי קען איך מתקן זיין וואס איז נוגע צו מיר, **וואס קען איך טון וואס איז נוגע פאר די חינוך פון מיינע קינדער, וואס קען איך צוטון פאר די צניעות פון די בני בית, ווי אזוי די שטוב גייט אנגעטון. מען דארף דאך נישט איבער'חזר'ען אלע פרטים, אבער לעצטנס זענען די שייטלען ארויסגעגאנגען פון די גאנצע יודישע מהות ווי אזוי ערליכע יודען זענען געגאנגען. די לאנגע צופלאסענע שייטלעך מיט וואס מען גייט, עס דארף האבן א תיקון אין זייער אסאך שטובער. עס איז די צייט יעצט, אז מען זאל משים על הלב זיין, און זעהן צו פארעבטן וואס מען קען.**

**אינטערנעט, סמארטפאן, וואס דאס איז די נסיון פונעם היינטיגן דור. וואס קען איך צוימען, וואס קען איך מסדר זיין, עס זאל טאקע נישט זיין מער וויפיל איך דארף עס האבן פאר די ביזנעס. עס קומט נישט אריין אין מיין שטוב, עס קומט נישט צו נוצן ווען איך בין צווישן מענטשן צוזאמען, נישט אין בית המדרש, און נישט אויף די גאס. עס איז א זאך וואס איז געמאכט געווארן נאר ווען מען דארף עס האבן לצורך פון די געשעפטן.**

**נשאת** ונתת באמונה, איז אויך איינס פון די שאלות וואס מען פרעגט (שבת לא.). **איבער קוקן די געשעפטן צי עס איז טאקע ריין. מען נארט נישט אפ קיין מענטשן, צו מען רירט נישט צו יענעמס געלט. ארבייטער האבן אסאך מאל טענות, און מען מאכט עס**

**אוועק מיט א קלייניקייט. יענער האט דאך נישט קיין ברירה, פארשווייגט ער עס, אבער עס מיינט נאכנישט אז מען האט נישט צוגערירט צו יענעמ'ס געלט. אויב עס איז דא א ספק, פסק'נט מען זיך נישט אליין, נאר מען גייט פרעגן וואס מען דארף צו טון. דאס איז אלעס קלייניגקייטן וואס מען קען זיך פארנעמען אויפן מצב וואס איז יעצט, עפעס צו טון. עס טאר נישט אריבער גיין דער מארגענ'דיגער טאג וואס איז א יום תפילה, אן זיך נעמען א שטיקל צייט פאר התבוננות, און טרעפן א זאך וואס ער גייט מתקן זיין תיכף ומיד, פון יעצט אן און ווייטער וועט די זאך געטוישט ווערן וואס איז נוגע ביי אים אין שטוב.**

*

## זובח תודה יכבדנני

**עס** איז דא א ווארט פונעם פריערדיגן בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע, דער פסוק (תהלים נ-כג) זאגט זובח תודה יכבדנני, ווען א מענטש ברענגט א קרבן תודה, איז ער מיך מכבד. און רש"י זאגט דערויף, אז ער ברענגט א זבח פון תשובה והודאה אויף זיינע עוונות, איז ער מיך מכבד. האט דער הייליגער בעלזער רב זיך געשטעלט, א תודה ברענגט מען, ווען מען איז ארויס פון א צרה. און אז ער איז ארויסגעגאנגען פון א צרה, האט ער דאך שוין תשובה געטון, ווייל אז נישט, וואלט ער נישט ארויס פינעם צרה. און אז ער האט שוין תשובה געטון בשעת ער האט געהאט די צרה, און ער ברענגט יעצט די קרבן תודה, פארוואס גיבט רש"י צו נאכאמאל, און זאגט אז ער ברענגט מיר א זבח תשובה והודאה אויף די עוונות.

**האט** דער הייליגער בעלזער רב זי"ע געזאגט, ווען א מענטש איז אין א צרה, איז די קאפ נישט אויפן פלאץ, ער קען זיך נישט צוזאם קליבן, ער וואלט געדארפט אסאך זאכן משים על הלב זיין, און תשובה טון. ער קען זיך אבער נישט צוזאם קליבן, און טוהן די ריכטיגע תשובה וואס מען דארף, חרטה על העבר און קבלה על להבא. אבער א יוד דארף זיך פארנעמען, אז ווען דער אייבערשטער וועט העלפן, און עס וועט אדורכגיין די צייט, און עס וועט זיך אלעס צוריק קערן על מכונו, דעמאלטס וועל איך אויספירן וואס איך האב נישט געקענט יעצט אויספירן. קודם זאל דער אייבערשטער שיקן די ישועה, קודם זאל איך קענען ברענגען א קרבן תודה, און דעמאלט ווען איך וועל האבן די קרבן תודה, דעמאלטס וועל איך צוגעבן דערצו, און איך וועל טון די תשובה, וואס איך האב נישט גומר געווען, בשעת עס איז געווען די פראבלעם אינעם שטוב.

*

## מעלת אמירת פרשת הקטורת בכוונה

**די חשיבות פון זאגן קטורת, מען האט שוין געהאט גערעדט דערפון** (בסעודה שלישית פרשת כי תשא), **קטורת איז מעציר די מגיפה, מען זאל יעדן טאג זאגען בכונת הלב די פרשה פון קטורת צופרי, און די פרשה פון קטורת ביינאכט, עס האט א געוואלדיגען כח.** עס שטייט אין חתם סופר (פרשת שמיני טז.) אז אין דעם טאג וואס מען האט מחנך געווען די משכן, האבען נדב ואביהוא אריינגעברענגט קטורת זרה, און עס האט פאסירט נאכדעם אז זיי זענען נסתלק געווארען. זאגט דער הייליגער חתם סופר, זיי האבען געוואוסט אז עס ווערט נתקדש ווערן הבית במיודעיו של מקום, זיי האבן געוואוסט אז עס גייט פאסירן עפעס א אומגליק, וואס מיט דעם וועט נתקדש ווערן דער בית. משה רבינו האט דאך געזאגט, אז ער האט געמיינט אדער ער אדער אהרן, און יעצט זעהט ער אז נדב ואביהוא זענען גרעסער. זאגט דער חתם סופר, אזוי ווי זיי האבן געוואוסט אז דא גייט יעצט עפעס פאסירן, האבן זיי געוואלט מיטן כח פון קטורת, צוריק האלטן אז עס זאל נישט קומען קיין מיתה. דער מלאך המות האט דאס איבערגעגעבן פאר משה רבינו, אז קטורת איז מעציר (שבת פט.), זענען זיי געגאנגען מיט מסירת נפש און געברענגט קטורת, כדי עס זאל צוריק האלטן אז משה מיט אהרן זאלן נישט נסתלק ווערן. זאגט דער חתם סופר, די כוונה איז געווען גוט, אבער די קטורת וואס איז מעצרת, איז קטורת בחוץ, נישט אריינטראגן אינעווייניג אין בית המקדש. אין בית המקדש האט מען נישט געטארט אריינברענגען קיין קטורת זרה, אבער בחוץ ווען מיר האבן נישט קיין בית המקדש, אינדרויסן, האט אין זיך די פרשה פון אמירת קטורת אן א בית המקדש א געוואלדיגען כח, און עס האלט צוריק א מגיפה.

*

## להרבות באמירת תהלים, וגודל מעלתה

**די** חיוב פון תפלה בעת צרה, איז א חיוב מן התורה צו דאווענען. **מרבה צו זיין באמירת תהלים. ווען מען האט צייט, זאל מען נעמען א תהלים אין די הענט און זאגן, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו. עס איז דא בחורים און קינדער וואס זענען אין שטוב, מען קען דאך נישט לערנען פון צופרי ביז ביינאכט, מען האט נישט די מעגליכקייטן, אבער תהלים קען מען זאגן. פארוואס זאל מען נישט ארויסגעבן פאר די בחורים, אז זיי זאלן זאגן יעדן טאג א יום תהלים, און אז זיי קענען, זאלן זיי זאגן מער פון א יום תהלים. גיט פאר די קינדער א שעה אין טאג זיי זאלן זאגן תהלים, מעורר זיין פאר זיך אליין געוואלדיגע זכותים.**

**תהלים** איז איינגעטיילט אין צוויי חלקים, עס איז דא פסוקים וואס זענען תפלות וואס מען בעהט רחמים פונעם אייבערשטען, און עס זענען דא פסוקים וואס זענען שבח למקום, תשבחות פארן אייבערשטען. דער הייליגער בני יששכר (תשרי ב-ו) זאגט, אז ווען מען זאגט תשבחות פארן

אייבערשטען, קען מען אסאך מאל מער אויפטון, ווי די תפלות וואס מען איז מתפלל. ווען א יוד בעט רפאנו, אז דער אייבערשטער זאל אים העלפן מיט א רפואה, נישט אייביג איז ער זוכה אז עס ווערט אנגענומען די תפלה. אבער ווען ער זאגט אז דער אייבערשטער איז א בורא רפואות, דער אייבערשטער איז א זוקף כפופים, דער אייבערשטער איז א מתיר אסורים, איז נישט דא קיין קטרוג דערויף, און דעמאלטס אז מען האט מעורר געווען אז דער אייבערשטער איז א בורא רפואות, דעמאלטס איז דא א מעגליכקייט מתפלל צו זיין, אז דער אייבערשטער זאל ברענגען די רפואה. ווייל אויף דעם שבח וואס מען זאגט פארן אייבערשטען, אויף דעם איז קיינער נישט מקטרג. - דאס איז די כח פון תשובה מיט תפלה, תשובה איז זיך אומקוקן אויף די מעשים, און תפלה איז מתפלל צו זיין.

*

## צדקה מעביר את רוע הגזירה

**צדקה. יודישע קינדער זענען געבענטשט מיט די מדה פון צדקה. ווען מען זיצט אין די שולן, געבט מען דאך צדקה יעדן טאג, פאר צענדליגע צענדליגע עניים. עס איז צוגענומען געווארן פון אונז, מען קומט זיך נישט צוזאם אין די בתי מדרשים, מען גייט נישט ארום נאך געלט, די וואס דארפן קענען נישט ארויסגיין פונעם שטוב, און עס איז פאר פסח. על כל פנים וואס מען קען מסדר זיין, געבן צדקה, און מרבה זיין בצדקה מער ווי מען גיט א אנדערע מאל, ווייל צדקה איז מעביר את רוע הגזירה, זאל מען זעהן צו געבן צדקה. עס איז דא כמה וועגן היינט ווי אזוי מען קען געבן און עס זאל אנקומען, דורך די פאסט, צו דורך קרעדיט קארד'ס וכדומה, און מקיים זיין תשובה תפלה וצדקה, וואס איז מעבירין את רוע הגזירה. עס איז נישט קיין ספק, אז ווען יודען וועלן מעורר רחמים זיין אויבן אין הימל, וועט זיך דער מצב זיכער טוישן אין זייער א קורצע צייט.**

*

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

**ביז דעמאלטס ליגט אויף אונז א חיוב ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, מען דארף זיך היטן נישט עובר זיין אויף די געזעצן וואס די רעגירונג פארלאנגט, זעהן צוצושטיין צו וואס די דאקטוירים פון די רעגירונג האלטן אז דאס איז די טובה. מען דארף חס זיין אויפן אייגענעם געזונט, אויף די געזונט פון די בני בית, און אפילו אויב פאר אים איז עס שוין נישט נוגע, דארף ער אבט געבן נישט אנשטעקן אנדערע. אסאך מאל קען ער צוברענגען מיט זיין אומפארזיכטיגקייט, וואס ער טוט אנשטעקן א מחלה אויף א צווייטען יוד, דאס איז ח"ו א בחינה פון א רודף, ער האט יענעם אריינגעברענגט אין א צרה.**

**חז"ל** זאגן דאך, לעולם לא יעמוד אדם במקום סכנה לומר שעושים לו נס, אין א פלאץ וואס איז שכיח היזקא דארף מען נישט צו דרייען, און זאגן אז דער אייבערשטער וועט מיר העלפן. לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה (שבת לב.), ביז ווילאנג מען איז געזונט, דארף מען בעטן רחמים, רבונו של עולם אלע יודען וואס זענען געזונט, זאלן אנהאלטן זייער געזונט, און נאכדעם בעהט מען, אז דער אייבערשטער זאל העלפן די חולי ישראל, זיי זאלן געהיילט ווערן.

**די** גמרא (מגילה יז:) זאגט, אז די אכטע ברכה פון שמונה עשרה איז רפאנו, און מען האט עס מתקן געווען די אכטע ברכה, ווייל מילה איז ניתנה לשמיני, און מילה דארף א רפואה, האט מען מתקן געווען די ברכה פון רפאנו די אכטע ברכה. איך האב געזעהן שטיין פונעם אבני נזר, האט ער געזאגט, אז עס איז נישט דא קיין תפלה אין די שמונה עשרה אז מען זאל זיין געזונט. מען בעהט נאר רפאנו, אז דער אייבערשטער זאל אונז היילן. פארוואס איז נישט דא קיין בקשה, אז דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זיין געזונט, און נישט קראנק ווערן. האט ער געזאגט, אמת, עס איז אבער דא איין סארט מחלה, וואס יעדער דארף עס אדורכגיין, און עס דארף האבן א רפואה. יעדע מילה איז א סכנה, אזוי זאגט די גמרא (גיטין נז:), כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כג). און דאס מוז מען דאך אדורכגיין, מען דארף האבן א רפואה דערפאר, האבן די חכמים מתקן געווען די אכטע ברכה איז רפאנו, מיר בעטן פונעם רבונו של עולם, אז מיר זאלן אלע זיין געזונט, מיר דארפן נישט קיין רפואה, נאר מאך אונז נישט קראנק, מיר זאלן זיין געזונט. אבער מילה איז דאך ניתנה לשמיני, מיר בעטן נאר רפאנו אויף די אכטע, אויף די אכטע טאג וואס מען דארף מל'ן א קינד, אויף דעם דארף מען רפאנו. פאר אונז אליין בעטן מיר, אז מיר זאלן נישט קראנק ווערן, ווייל לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה.

*

## התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין

**עס** איז א זמן וואס די הארץ איז צובראכן, עס איז א צייט וואס מען זאל משים אל הלב זיין, די תכלית פון אונזער לעבן, פארוואס מיר געפינען זיך דא. מיר זענען נישט געקומען אויף די וועלט אויף עניני עולם הזה, דער עולם הזה איז נאר א פרוזדור בפני העולם הבא, עס איז נאר א דורכגאנג מיר זאלן קענען צוקומען צום עולם הבא. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), **אונזער גאנצע לעבן דא איז נאר אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען. יעדע זאך וואס א מענטש טוט, דארף ער טראכטן דערין, ווי אזוי קען איך מאכן פון דעם עס זאל זיין א חלק פונעם עולם הבא. וויסן אז דער ציל פונעם לעבן איז נישט צו מאכן געלט, נישט צו האבן שיינע הייזער,**

**נישט צו זיין מכובד, נאר איין ציל, דינען דעם אייבערשטען, און וואס עס טוט צוברענגען צו עבודת ה׳.** און אויף דעם דארף מען מתפלל זיין, אז דער אייבערשטער זאל אונז געבן דעם שכל צו פארשטיין, פארוואס מיר געפינען זיך דא. דוד המלך זאגט (תהלים כז-ד), ער בעהט פונעם אייבערשטען, שבתי בבית ה׳ כל ימי חיי, געב מיר די הכרה איך זאל פארשטיין, אז דאס וואס איך לעב, ׳כל ימי חיי׳ איז, כדי שבתי בבית ה׳, איך זאל קענען שפעטער זיצן בבית ה׳, לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו. ווען א יוד לעבט מיט דעם, אז די גאנצע עולם הזה דארף ער נישט נאר כדי צו דינען דעם אייבערשטען, דאס ברענגט כי יצפנני בסוכו ביום רעה יסתירני בסתר אהלו, אז דער אייבערשטער זאל אונז באהאלטן אין זיין סוכה, דער באשפעער זאל אונז היטן, עס זאל נישט צוקומען צו אונז א זאך וואס שטערט אונז פון עבודת ה׳.

*

## השגחה פרטית על כל הנעשה בעולם

**ווען** א יוד טוט אלעס וואס איז אין זיין יכולת און זיין חיוב על פי תורה זיך צו היטן די געזונט, נאכדעם גיט ער זיך איבער אין די הענט פונעם אייבערשטען, נאכדעם ווארפט ער זיך ארויף אויפן רבונו של עולם, על חיינו המסורים בידך, אונזער לעבן ליגט אין די הענט פונעם אייבערשטען, **עס איז דא א השגחה פרטית אויף יעדן איינעם פון אונז, וואס עס זאל אים פאסירן, און ווי אזוי ער זאל דאס אדורכגיין. עס איז נישט א זאך וואס איז אין כלליות, נאר יעדער מענטש ווערט עקסטער געמאסטן, וואס עס זאל זיין ביי אים. אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה** (חולין ז:), **א מענטש גיט זיך נישט קיין קלאפ אינעם פינגער, ביז עס איז נישט דא קיין הכרזה אויבן פון הימל. עס וועט צו קיינעם נישט אנקומען די מחלה, עס וועט צו קיינעם נישט פאסירן, נאר צו דעם וואס מען האט אויסגערופן פון אויבן. זיך פארלאזן אויפן רבונו של עולם, זיך ארויפווארפן אויפן אייבערשטען, אז דער אייבערשטער איז שומר עמו ישראל לעד, ער ווייסט וואס איז די בעסטע פאר אונז. מען דארף נישט זיין אין פאניק, עס האט ביי יענעם פאסירט, עס האט ביים צווייטן פאסירט, יעדער מענטש האט א עקסטערע חשבון אויבן אין הימל. און אז עס איז נישט באשערט פאר דעם מענטש, וועט עס נישט אנקומען, אויב ער האט געטון זיין השתדלות וואס ער דארף צו טון. און אז עס איז אים יא באשערט, העלפט נישט די אלע זאכן וואס מען היט זיך דערקעגן, עס איז דא כמה דרכים למקום.**

**די** וועלט זאגט נאך אויפן חזון איש, די ערשטערע יארן האט מען מורא געהאט צו פארן אויף עראפלאנען, עס איז א חשש סכנה. אמאל האט דער חזון איש געזאגט, **מענטשן זאגן אז פליגער׳ס פאלן. ׳נישט פליגערס פאלן, נאר מענטשן פאלן׳. עס איז נישט די פליגער איז געפאלן, און ער איז פונקט געווען דארט, און ער איז אראפגעפאלען צוזאמען מיטן פליגער. נאר עס איז דא א השגחה פרטית, אויב א פליגער פאלט, האט דער אייבערשטער צוזאם גענומען די אלע מענטשן וואס האבן געדארפט פאלן, און ער האט זיי אהין אריינגעלייגט, כדי זיי זאלן פאלן. נישט ווייל די פליגער איז געפאלן, איז ער געפאלן.** אויף יעדן מענטש עקסטער איז דא זיין חשבון וואס ער דארף אדורכגיין, און א מענטש דארף זיך ארויפווארפן אויפן אייבערשטען. תמים תהיה עם ה׳ אלקיך (דברים יח-יג), זיין א תמים מיטן אייבערשטען, התהלך עמו בתמימות, ולא תחקור אחר עתידות. איך טוה וואס איך דארף צו טון, און דאס איבעריגע דארף מען זיך פארלאזן, אז דער רבונו של עולם טוט וואס עס איז גוט פאר אונז.

*

## עבדו את ה׳ בשמחה

**מען דארף זיך מחזק זיין מיט שמחה, פריליכקייט. די שטובער זענען אנגעצויגן, מרחק זיין יעדע סארט עצבות, יעדע סארט מרה שחורה. דער כח פון שמחה ביי א מענטש איז זייער שטארק, אפילו אין גופניות. ווען א מענטש איז נישט געזונט, די כח השמחה, די מוהט וואס ער האט, טוט אים געזונט מאכן, עס העלפט אים. און כל שכן ווען מען רעדט פון רוחניות, איז אוודאי אז עס העלפט צו, און יעדע שמחה איז ממשיך א שפע.** עס שטייט פונעם הייליגן בארדיטשובער רב זי״ע ועכ״י, ׳אז יאמרו בגוים׳, אומות העולם וועלן זאגן, ׳הגדיל ה׳ לעשות עם אלה, הגדיל ה׳ לעשות עמנו, היינו שמחים׳ (תהלים קכו-ב). זאגט ער, פארוואס איז הגדיל ה׳ לעשות עם אלה, פארוואס האט דער אייבערשטער געמאכט אזופיל גרויסקייט פאר יודען. די תשובה דערויף איז, היינו שמחים, ווייל מיר זענען געווען בשמחה. ווען א יוד איז בשמחה, ער דינט דעם אייבערשטען בשמחה, דאס האט א געוואלדיגען כח אז עס זאל אראפברענגען השפעות טובות.

**אויב** עס איז דא א אנגעצויגנקייט אין שטוב, זאל מען אנצונדן כלי שיר, אנצונדן די מוזיק וואס איז דא, אויב עס דארף זיין אויפצוהייטערן די אטמאספער אין די שטוב, די אטמאספער פון די קינדער. עס איז מיר אויסגעקומען פונקט היינט צו זעהן געשריבן, אז דער לב שמחה, דער גערער רבי זצ״ל, נאך בעפאר ער איז געווען רבי, איז ער געווען דא אין אמעריקע, און ער האט פארציילט, אז ער איז אמאל געווען ביים ליובאוויטשער רבי זצ״ל, און דער ליובאוויטשער רבי האט אים געפרעגט בתוך הדברים, אז חסידים זאגן, אז דער בעל שם טוב הק׳ האט איינגעפירט שמחה, האט ער אים געפרעגט, עס איז א בפירוש׳ע רמב״ם, אין רמב״ם (הל׳ לולב ח-טו) שטייט דער געוואלדיגער ענין פון שמחה, אז מען דארף דינען דעם

אייבערשטען מיט שמחה, עבדו את ה' בשמחה (תהלים ק-ב). און ער ברענגט ארויס, אז דוד המלך איז געווען מפזז ומכרכר בכל עוז לפני ה', און אזוי ווייטער די געוואלדיגע חשיבות פון שמחה. פארוואס זאגט מען, אז דער בעל שם טוב האט איינגעפירט די מדה פון שמחה.

**האט** ער געזאגט, איך האב אים נישט געענטפערט. נאכדעם האט ער געזאגט פאר דעם יוד פאר וועם ער האט עס פארציילט, פאר דיר וועל איך יא זאגן וואס איך האב געטראכט. אמת, שמחה של מצוה שטייט אין רמב"ם, און עס שטייט אין חומש (דברים כח-מז) תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב. דער בעל שם טוב הק' האט איינגעפירט, און געפאדערט פון זיינע תלמידים, אז מען זאל זיין שטענדיג בשמחה, אפילו ווען מען איז עוסק אין עניני רשות, אפילו בשעת מען טוט נישט יעצט ספעציעל א מצוה, אין יעדען מצב וואס דער אייבערשטער האט אריינגעשטעלט א יוד, זאל ער זיין בשמחה. וואו ער געפינט זיך, אין וואס פאר א מצב ער איז, זיי דיך מחזק מיט שמחה. דאס, זאגט ער, איז געווען דער חידוש וואס דער בעל שם טוב הק' האט געפאדערט, אז מען זאל שטענדיג זיין גוט אויפגעלייגט מיט א שמחה, ווייל דאס ברענגט צו שפעטער, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין.

**און** איך מיין, אז מען קען משלב זיין די ווערטער צוזאמען מיט די ווערטער פונעם רמב"ם. שמחה של מצוה ווייסט מען דאך, איז א חיוב מן התורה. דער בעל שם טוב הק' האט אונז געלערנט, אז יעדע זאך וואס א יוד טוט, אין יעדע מצב ווי ער געפינט זיך, קען ער דינען דעם אייבערשטען. ווי אזוי ער איז עס מקבל, איז עס עבודת ה'. און עבודת ה' שטייט אין רמב"ם אז דאס דארף זיין בשמחה. איז נאכדעם וואס דער בעל שם טוב הק' האט מיט אונז געלערנט, אז א יוד דארף וויסן, אז אין יעדע מצב ווי ער איז, האט ער דארט א מקום וואו ער קען דינען דעם אייבערשטען, דער פשוטער יוד קען דינען דעם אייבערשטען אין דעם וועג וואס דער אייבערשטער האט אים אריינגעשטעלט. ווען א מענטש איז אין א זמן פון א צרה, ער איז אין א ענגשאפט, האט ער זיינע מצוות ווי אזוי ער זאל דעמאלטס דינען דעם אייבערשטען, נמצא עובד את בוראו תמיד, ער קען דינען דעם אייבערשטען שטענדיג. און עבודת ה' דארף דאך זיין בשמחה, דאס ברענגט אז א מענטש זאל דארפן זיין בשמחה שטענדיג.

**איך** האב געטראכט דעם שבת ביים דאווענען, שירו לה' שיר חדש, כי נפלאות עשה (תהלים צח-א). געווענליך איז דער פשט א נתינת טעם. מען זאל זינגען צום אייבערשטען, ווייל דער אייבערשטער האט געמאכט נפלאות. דוד המלך זאגט, שירו לה' שיר חדש, יודען זאלן שטענדיג זינגען פאר'ן אייבערשטען, דאנקטס און פריידטס ענק, זינגט'ס פארן אייבערשטען, ווייל עטס זאלן וויסן אז דער כח פון שמחה איז, 'כי נפלאות עשה', **דער כח פון שיר, און דער כח פון שמחה, מאכט נפלאות. אז מען וויל זוכה זיין צו נפלאות, דארף מען זיך מחזק זיין מיט שמחה.** עס איז א נתינת טעם, שירו לה' שיר חדש, פארוואס זאלט עטס זינגען א שיר חדש, נישט אייביג איז דאך די הארץ דערביי צו זינגען א שיר, אבער כי נפלאות עשה, זאלסט וויסן די שיר מאכט נפלאות. אין דעם דארף מען זיך מחזק זיין, די שטוב זאל זיין אויפגעלייגט מיט שמחה.

*

## לסייע בהכנות לחג הפסח, וסבלנות בבית

**נשים צדקניות זענען זייער פארנומען אין די טעג. זיי זענען שטענדיג פארנומען צו פירן א שטוב, זיי גרייטן צו א שטוב, זיי פארענען זיך מיט די קינדער, מען רישט זיי אויס. פאר פסח איז דא עקסטערע שווערעגקייטן אין שטוב ביי יודישע מאמעס, צוצוגרייטן א שטוב אויף פסח. על אחת כמה וכמה, צו פארשטיין אין וואס פארא מצב זיי געפונען זיך יעצט, וואס צו אלעם איז צוגעקומען, אז די קינדער זיצן אין שטוב פון צופרי ביז ביינאכט. מען דארף האבן געוואלדיגע סבלנות, אז מען זאל דאס קענען אדורכטראגן. אשרי חלקם פון די יודישע מאמעס, וואס זיי טוען עס. אבער עס איז דא א פארלאנג פון די מענער, און פון די קינדער אין שטוב, די מענער זאלן פארשטיין, די געוואלדיגע עול וואס ליגט אויף זיי, און נישט צוגעבן צו די פראבלעמען וואס איז דא אין שטוב, נישט פארלאנגען. עפעס וואס מען קען טון אליין, זאל מען טון אליין. וואס מען קען צוהעלפן, זאל מען פראבירן צו העלפן. נישט אז מען זאל אריינברענגען א אטמאספער אינעם שטוב, אז עס זאל דערהייבן די נערוון, און עס זאל קראכן די סבלנות. אדרבה זעהן וואס מען קען צוהעלפן אראפצונעמען די סבלנות. די זעלבע איז די ערוואקסענע קינדער אין שטוב, בחורים וואס דרייען זיך אין שטוב פון צופרי ביז ביינאכט, מען זאל פארשטיין די געוואלדיגע סבלנות פון די עלטערן דאס צו קענען אדורכטראגן. נישט צוגעבן דערצו, בעהט נישט מען זאל דיך באדינען, בעהט נישט מען זאל דיר עפעס ברענגען, פרעג נאר שטענדיג וואס קען איך צוהעלפן, וואס קען איך אריינברענגען אין שטוב גרינגער צו מאכן, דאס איז דער חוב וואס ליגט אויף זיי.**

*

## כיבוד אב ואם

**קינדער וואס זענען אין שטוב. יעצט איז די צייט וואס עטץ קענטס מקיים זיין כבד את אביך ואת אמך (שמות כ-יב). מען איז א גאנצע טאג אין חדר, מען איז א גאנצע וואך אין ישיבה, עס קומט זעלטן אויס אז מען זאל זיצן אין שטוב, און קענען מכבד**

**זיין עלטערן. יעצט איז די צייט מקיים צו זיין ענקער מצוה. און אפשר איז דאס איינע פון די סיבות וואס דער אייבערשטער האט אונז אריינגעלייגט אין אזא מצב, ווייל מיט כיבוד אב ואם, וועט מען זוכה זיין צו די גאולה.** אזוי שטייט אין הייליגע ספרים (עיין יערות דבש ח״ב דרוש ב), אז דער כח פון עשו איז, ווייל ער האט מכבד געווען דעם פאטער, דער כח שטייט אים ביי. און ווען איר וועט זיך מחזק זיין אין כיבוד אב ואם, די זעלטענע געלעגנהייט וואס דער אייבערשטער גיט פאר ענק, צו מקיים זיין כבד את אביך ואת אמך. נישט אריינברענגען אנגעצויגנקייט אין שטוב, אדרבה זעהטס גרינגער צו מאכן דעם מצב, זעהן מכבד צו זיין די עלטערן, און ארויסצוהעלפן מיט וואס מען קען.

*

## חיוב לימוד התורה – ושננתם לבניך

**די מצוה פון תלמוד תורה, צו זיצן און לערנען ווען מען האט פרייע צייט, איז נישט פארמינערט געווארן ווייל מען זיצט אין שטוב, און מען קען נישט גיין אין חדר, און מען קען נישט גיין אין ישיבה. נוצט אויס די צייט אויף תורה, ווען מען זיצט אין א ווינקל און מען לערנט, האט מען שוין אוועקגענומען די אנגעצויגנקייט וואס איז דא אין שטוב. ווען מען האט נישט קיין געדולד צו לערנען שווערע לימודים, עס איז דא אסאך גרינגע לימודים וואס מען קען לערנען. לערנטס אדורך חומש רש״י געהעריג, לערנט׳ס משנה ברורה די הלכות פונעם סדר, לערנט׳ס אדורך משנה ברורה הלכות פסח, עס איז גרינג אדורך צו לערנען, מען מוז עס נישט לערנען מיט די מפרשים, נאר סתם הלכה למעשה די הלכות פון די מצות, עס איז דא ב״ה גענוג אסאך וואס מען קען לערנען.**

**עלטערן וואס זענען אין שטוב האבן יעצט א געלעגנהייט מקיים צו זיין פשוטו כמשמעו ושננתם לבניך** (דברים ו-ז)**, לערנען מיט די קינדער. די תלמוד תורה פטר׳ט אים ווילאנג מען איז אין תלמוד תורה, ווילאנג מען איז אין ישיבה, אבער אז מען זיצט אינדערהיים, קען מען מקיים זיין צו לערנען מיט די קינדער. נישט איבערשטערענגען די קינדער, אבער עס זאל זיין מיט א געפיל פון רואיגקייט צו לערנען תורה מיט די קינדער.**

*

**איך** מיין אז עס איז אויך א צייט, סיי פאר בחורים און סיי פאר קינדער, אין חדר קומט נישט אויס אז מען זאל לערנען אסאך זייטיגע זאכן, ווייל מען דארף אנקומען וואס מען לערנט. אסאך קינדער קענען שווער שרייבן, זיי קענען נישט שרייבן געהעריג קיין אותיות, און זיי שרייבן נישט שיין. עס איז דא אסאך בחורים וואס קענען קוים שרייבן, מען האט זיך דאס נישט אויסגעלערנט ווי עס דארף צו זיין. יעצט האט מען צייט, לערנטס ענק אויס צו שרייבן. נעמטס פאפיר, שרייבטס אלף בית גימל, איבערשרייבן נאכאמאל און נאכאמאל, ביז מען וועט זיך אויסשארפן און שרייבן מיט א געהעריגע שריפט, און א שיינע שריפט. מען דארף קענען רעכענען, מען לערנט נישט גענוג אין די חדרים. און אפילו וואס יא, פארגעסט מען. נעמען זיך צייט, עלטערן זאל געבן פאר די קינדער בלעטלעך, מאכן חשבון, צוזאמרעכענען, אראפנעמען, דאפלען, ווי די סדר איז. מען רופט עס עדע״ן, און סאבטרעקטע״ן, און מאלטיפלייע״ן, און דיוויש״ן, זאכן וואס מען האט געלערנט, מען דארף עס נאר איבערחזר׳ן. עס נעמט אוועק אסאך פון אנברענגען צייט, און עס גיט צו וואס א מענטש דארף קענען. סיי אין תורה, און סיי אין אנדערע זאכן, דארף מען עס צו קענען.

*

## לצפות לביאת משיח

**אונז** האף מיר אי״ה, אז די מצב ווי מען איז יעצט, וועט זיך שנעל טוישן. מען איז מתפלל צום אייבערשטען, שומר ישראל, שמור שארית ישראל, ואל יאבד ישראל, האומרים שמע ישראל. יעדער יוד זאל נישט צוקומען צום אים קיין שום פגע און קיין שום מכשול. מיר בעטן, יהי רצון מלפני אבינו שבשמים, שירחם עלינו ועל פליטתינו, ולמנוע משחית ומגפה מעלינו ומעל כל עמו בית ישראל, דער אייבערשטער זאל צוריק האלטן יעדע סארט פורעניות, עס זאל נישט אריינקומען אין קיין יודישע שטובער. לקיים בנו חכמי ישראל, הם ונשיהם ובניהם, מתפלל זיין אויף חכמי ישראל אז זיי זאלן זיין געזונט, שנשמע ונתבשר בשורות טובות, מען זאל קענען הערן גוטע בשורות.

**מיר** זענען אלע מצפה לביאת המשיח, אז די וועלט דרייט זיך, איז א צייט וואס עס איז א עקסטערע ענין וואס מען דארף מתפלל זיין, אז עס זאל זיך אזוי דרייען, אז עס זאל צוברענגען די גאולה. פאר די גאולה איז דאך דא חבלי משיח, עס איז מעגליך אז דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונז, פון אדורכגיין די חבלי משיח וואס אונזערע עלטערן און אונזערע זיידעס זענען אדורכגעגאנגען, האט מען דאס אריינגעברענגט, און עס איז ביי יעדן אנגעקומען יעצט חבלי משיח. ביי יעדן איינעם אין שטוב האט זיך עפעס געריירט א אומבאקוועמליכקייט, זאל מען מיט דעם זוכה זיין אפ צו קומען וואס מען דארף, און מעורר זיין די גאולה. בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל, מען טרעט דאך אריין אין חודש ניסן, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין א געבענטשטער חודש, און א פרייליכער חודש. א זמן פון א גאולה וישועה, א גאולה וישועה פרטית ביי יעדן איינעם אין שטוב, און א גאולה בכלליות, מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, געזונטערהייט, במהרה בימינו אמן.